RADOMER KIELCER LEBEN № 49 (85) „Należytość pocztowa uiszczono ryczałtem“ [illegible]טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

הײנט 10 זײטען.

אדרעסען
פון „ראדאמער קעלצער לעבען“
אין ראדאם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.
אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Kielce, Staro-Warszawska 34.

# ראדאמער-קעלצער לעבען

אנאנסען פרייז:
אין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר.
״ ״ ״ אין ״ 40 ״
״ ״ ״ נאכ'ן ״ 18

ראדאם פרייטאג י"ז כסלו תרפ"ו — פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך. — 4-go grudnia 1925 roku

טעאטער „ראזמאיטאשטשי“ ראדאם

פעראייניגטע טרופע פון יודישען ארטיסטען-פעראיין אין ווארשא.

מיט'ן אנטייל פרויען: ביאלקאוויטש, לובארטאווסקא, צאהם, אידא ראזענצווייג, שפילמאן. מענער: ביאלקאוויטש, בלאט, גינטער, ווינער, וויינבערג, פעלד, קליינער, שטיין א. א. ——— גרויסער ערפאלג! 3000 מענשען האבען שוין געזעהן בערעלע באסיאק און אלע זענען אוועק ענטציקט. פרייטאג דעם 4 ד. ח. אנהויב 8.30 אווענד ווערט געשפילט צום 4-טן מאל די אויסגעצייכענטע קאמ.

## בערעלע באסיאק

אפערעטקע אין 3 אקטען

פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין ראדאם! פרעמיערע!

שבת דעם 5 טן ד. ח. 8.30 אווענד ווערט געשפילט דער איבעראל אנערקענטער לעצטער שלאגער פון אמעריקע

## געצעלט גולם

אידישער פארס אין 3 אקטען מיט 10 נ. געזאנג פון י. אדלער

זונטאג דעם 6 ד. ח. 8 אווענד ווערט געשפילט צום ערשטען מאל אין ראדאם די איבעראל בעוואוסטע מעלאדאמע מיט געזאנג און טענץ אין 4 אקטען

## די געצווינגענע חתונה

צו אלע פיעסען ווערען צו געפאסטע ארגינעלע טענץ אויסגעפיהרט דורך דעם באלעט מייסטער ה' קליין

אין פרובען: 1) זיסע מיידעל 2) חתן אין אמעריקא 3) דער טיגער.

געשעפסט'ס פיהרער: פ. לייכטער.

די לאנג — יעהריגע פירמע

## רחמיאל י. גירשטיין

איז מודיע איהר קליענטעלע, אז די

## בראנפען=ראזלעווניא

איז פון פאריגען דינסטאג דעם 24=טען ה. ח. צוריק טהעטיג און עמפפעהלט איהרע בעסטע בראנ=פען און ליקער=אויסארבייטונגען.

צו דער פערלאבונג פון אינזער קוזין משה יוסף טייכמאן מיט פרל' רחל קאדיסזאהן אויס ווארשא, ווינשט פרידליכע צוזאמענלעבען.

פאמיליע טשאשעווסקי.

## צאהן-ארצט
## ל. רובינליכט

פילסודסקיעגא (שעראקא) 14
נעמט אן פון 10—2 און 4—6 נ. מ.

## ערקלערונג

איך בעט ביי די ה'ה לייביש דאנציגער און משה וויינשטאק ענטשולדיגונג, וואס איך האב זיי צוליב אמיספערשטענדעניש עפענטליך גע-מאהנט און איך ערקלעהר דאס איך בין ערעלעדיגט געווארען אין בעסטען ארדנונג.

יעקב בענעט.

## צו פערדינגען

א שטוב מיט 2 בעטען מיט בעטגעוואנד זעהר בעקוועם פאר זעהר א מעסיגע פרייז.

זיך צו דערוויסען ביי ה' פרידמאן ראדאם, פיאסקי 10.

## יעדע ווירטין דארף וויסען,

אז די מאשטש צו פאדלאגעס.

„JAŚNIEJ SŁOŃCA“ גיט צו די פאדלאגעס, פאסאזשען און לינאלעאום א שענע און לאנגדויערדע האפטיגען גלאנץ אהן בענוצען זיך מיט בערשטען.

## „Jaśniej Słońca“

פערטרעט אייל-פארב, פארבט ווייסע פאדלאגעס אין פערלויף פון א שעה איף די פארבען:

מאכאגאניאווע און טינקעל ארזשעכאווע

פרובט און איהר וועט זיך איבערציייגען!

פערקויף אין אלע סקלאד-אפטעקשנעס, זייף און פארב געשעפטען.

## בעקאנטמאכונג!

די פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה אין קעלץ מאכט בעקאנט, אז אין יודישען שפיטאל אין קעלץ וואקירט א פאכטען פון א פראקטי-קאנטקע אויף א בארימהארציגע שוועסטער וועלכע, וועט בעקומען די גאנצע אויסהאלטונג, ווי אויך וואוינונג, הייצונג און בעלייכטונג.

פארצוג האבען די, וועלכע האבען שוין וועלכע ס'איז נאר פראקטיק.

אפערטען ווערען אנגענומען אין ביורא פון דער קהלה יעדען טאג פון 9 פריה ביז 3 נ. מ.

די פערוואלטונג פון דער יודישע קהלה אין קעלץ.

קעלץ דעם 27/11 1925.

# צי דארפען מיר שיקען א דעלעגאציע צו די ראדאמער לאנדס - לייט אין אמעריקא?

א רייהע יודישע שטעדט אין פוילען האבען לעצטענס ארויסגעשיקט ספעציעלע דעלעגאציעס צו זייערע לאנדס-לייט קיין אמעריקא, אום בעקאנט צו מאכען זיי מיט דעם דלות און נויט, וואס הערשט צווישען זייערע ברידער אין די אלטע היימען, און כדי צו ארגאניזירען פאר זיי א ממשות'דיגע הילף. די דאזיגע דעלעגאציעס האבען, ווי מיר לעזען אין פערשידענע פראווינציעלע צייטונגען, געהאט דעם געהעריגען ערפאלג.

אזוי צ. ב. ש. זענען אזעלכע דעלעגאציעס לעצטענס ארויסגעשיקט געווארען פון ביאליסטאק און לובלין, און עס זענען דארט טאקי, צווישען די לאנדס־לייט פון די דאזיגע שטעט, ארגאניזירט געווארען ברייטערע אקציעס אויף קרעדיט-צוועקען, ווי אויך אויף פילאנטראפישע צוועקען.

די לאגע אין ראדאם און געזעלשאפטליכע און פילאנטראפישע אינסטיטוציעס איז ווייט פון צו זיין א בעסערע, ווי אין די איבענדערמאנטע שטעדט, די פארשטעהער פון די דאזיגע אינסטיטוציעס אונזערע זענען אפאטיש און נידערגעשלאגען, און עס איז פערלוירען געווארען די אמונה און די היימישע סקארבאווע מיטלען ארויסצוהעלפען אין א עת-צרה, ווי למשל א צייכען-פערקויף א ד ע ר א אוועגד. ווערט נאך דירך וועמען יא ארגאניזירט א גאסען-זאמלונג, איז דאס נישט מעהר ווי א פערלוסט פון צייט און מיה, קיין שום ממשות'דיגע רעזולטאטען איז שוין דערפון נישטא.

צי וואלטען מיר אויך נישט געדארפען אין אזא צייט אויפהויבען אונזערע אויגען צו אונזערע ברודער אין יענער זייט, אקעאן, אום פון דארט צו ערווארטען עפיס הילף.

עס איז אמת, אז דער אינטערעס פון אונזערע לאנדסלייט צו אונזערע היימישע צרות איז שטארק אבגעקיהלט געווארען. זיי האבען לעצטענס פערלוירען זייערע אלע סענטימענטען צו זייער היימאט. אויך דער קאנטאקט מיט די היגע קרובים איז איצט א פיל שוואכערער, ווי ער איז געווען מיט א צייט צוריק, דאך זענען מיר זיכער, אז ביים איבערגעבען זיי בערזענליכע גריסען פון אונזער נויט און עלענד, וואלטען צוריק אויפגעפרישט געווארען ביי זיי אלע אמאליגע ערינערונגען און זיי וואלטען זיך צוריק אנגעהויבען צו פעראינטערעסירען מיט זייער אלטער היים און וואלטען פאר אונז ארגאניזירט די הילף, אין וועלכער מיר נויטיגען זיך.

דער איינציגער אויסוועג איז, לויט אונזער מיינונג, אויך צו שיקען אזא דעלעגאציע צו אונזערע לאנדסלייט, הגם דאס שיקען אזא דעלעגאציע איז פערבונדען מיט נישט קיין קליינע אויסגאבען, דארף עס נישט אבהאלטען דערפון. די, וועלכע וואלטען זיך געדארפען פעראינטערעסירען מיט דעם דאזיגען פארשלאג, זענען: בית-יתומים, עזרה, בית לחם און לינת הצדק, אלס די אינסטיטוציעס, וועלכע זענען די פאפולערסטע ביי אונז אין שטאדט-און נויטיגען זיך מעהר אין א ממשות'דיגער אויסערליכער הילף.

א. ל.

# סתירות נאך סתירות

פון

## משה בראדערזאָ.

די יודישע פוילישע פערשמענדיגונג איז די לעצטע טעג ווידער ארויסגעשווומען אויף דער אויבערפלאך פון דער יודישער פרעסע.

מען האט שוין כמעט געהאט איינגאנצען פערגעסען אט די מיספערשטענדעניש, און אט —

קומט אן א ידיעה, אז פון סעקרעטאריאט פון דער פעלקער-ליגע זענען ארויסגעשיקט געווארען קאפיעס פון דעם דאזיגען מערקווירדיגען אפמאך, קאפיעס פון אן אוניקום אין זיין מין אפשריפטען פון אנ'אויסטערלישען דאקומענט, וועלכער איז זעהר ענהליך צו א רחמנות'דיגער אינטערפעלאציע, וואס אלע איהרע פונקטען האבען קיין שום ממשות און גיבען קיינעם נארנישט...

בשעתו האבען מיר זיך גענוג ענטוישט און געהאט צו זיך גופא פרעטענזיעס, הלמאי עס האט נאר געקאנט דערלאזט ווערען די דאזיגע קליינשטעטלדיגע „גאליציאנעריי", וואס שמעקט מיט דעם אומווירדיגסטען מאשקענטום, און הלמאי מיר האבען אויף עפיס געהאפט.

אין דעם ים פון טאג טעגליכען יודישען עלענד איז עס אבער געווען א חיי שעה — אט דאס רעדען וועגען דעם, דאס קלעהרען, אפשר איז דער „משיח" אויך א גאט, אפשר איז אזא „פאליטיק" אויך אזא מין אופן פון אויסטערלישען אונטערהאנדלען...

פון דעם רייך-בנין האט זיך אבער אויסגעלאזט אנ'ארימער בוידעם, און די 12 פונקטען האבען בעקומען אנ־

י. מ. שויכעטזאָהן.

# איז אפגרונד

## (א שפאנענדע געשיכטע פון היינטיגער צייט).

שטעהענדיג אזוי ביים פארט פון ארגענטינא, איז מענדעלי געשטאנען מיט זיין מחנה לעבעדיגע סחורה און געשלאסען בעקאנטשאפט מיט'ן מיסטער פיליפ, דעם אבנעמער פון דער סחורה, מענדעלי איז ביי זיך נישט אראבגעפאלען געגען דעם גראב-בייכיגען גפש און זיך געהאלטען מיט שטאלץ, אז מיסטער פיליפ זאל וויסען, אז ער איז נישט קיין ליאדע משרת ביי דער אדעסער פירמע. מענדעלי האט גערעדט דרייסט און געפרעגט: אנו, מיסטער פיליפ, וועט מען אלזא, אמערשטענס צו אייך פערפאהרען, א יא?

— אנו, געוויס, געוויס, מיסטער מענדעלי אדעסער - האט מיסטער פיליפ שטראהלענד פון צופרידענהייט געשמייכעלט, פאר גרויס גליק וואס די סחורה איז שוין בשלום אנגעקומען אהן מכשול.

ביידע מיידלעך, סארא מיט ליזא האבען זיך צוגעקוקט צו דער דאזיגער געשלאסענער בעקאנטשאפט און דער געשפרעך צווישען מיסטער פיליפ מיט מענדעלי, איז זיי געווארען א ביסעל פערדעכטיג. עפיס האט אין זיי א אימה'דיגער פארגעפיהל, אפילו נאך נישט קיין קלארער. א ציטער געטון און סארא איז א בלאסע פון שרעק ארויפגעפאלען אויף מענדעלי'ן און מיט טרעהרען איהם געפרעגט:

— מענדעלי, וואוהין פאהרסטו מיט אונז, האסט דאך אונז געפיהרט צו דיינע עלטערן, לאמיר אהיימפאהרען צו זיי, מענדעלי, מענדעלי.

– אבער וויין נישט, סארא, בערוהיג דיך, האט זיך מענדעלי ביי איהר געבעטען, אנ'איבערגעשראקענער, מיט א פערשטיקט קול, וואס טוט זיך מיט דיר, דאס איז דאך דער מיסטער פיליפ, דער רייכער שותף פון אונזערע עלטערן, דו פערשעמסט דאך מיך, סארא, סארא, ס'איז נישט שעהן פאר דיר, אלס מיין כלה.

סארא האט זיך פערשעמט און בערוהיגט און מיסטער פיליפ האט שמייכלענדיג גערעדט צו איהר מיט העפליכקייט, ווי מ'נעמט איין א וויינענדיג קינד:

– נו, געוויס, פריילין; ס'איז ווירקליך נישט שעהן, זי בעליידיגען דאך מיך. איך בין דען אזעלכער, פאר וועמען מ'ברויך זיך שרעקען, איך בין מיסטער פיליפ, א גרויסער פוטער-סוחר אויס אדעס, האבען זי פריילין קיין אנגסט.

די איבעריגע אגענטלעך פון מיסטער פיליפ האבען זיך אויך ארייגגעמישט צו בערוהיגען די איבערגעשראקענע סארא, וועלכע האט זיי אלע עלעקטריזירט מיט איהר שעהנקייט; אלע האבען זיך צו איהר געווענדעט מיט א געמאכטער עטיקעטע פון דאמען-עהרע און גערעדט צו איהר:

— אך וואס שרעקען זי זיך, פריילין, ס'איז דאך מיסטער פיליפ, אונזער שעף מיסטער פיליפ, ער איז דאך אזא פיינער מאן.

צווישען מיסטער פיליפ'ס אונטערהעלפער האט זיך געפונען איינער

יודישער טורן און ספאָרט-פעראיין „מכּבּי” אין ראדאָם.

שבּת דעם 5-טען ד. מ. 8 $^1/_2$ אָווענד קומט פאָר אין זאַל פון האָטעל איירעפּעיסקי (מיראזש)

דער ערשטער **מאַקאַבּעער-ראַאוט**

מיט אַ רייכען פערשידענאַרטיגען פּראָגראַם ◈◈ טענץ און מוזיק וועלען געפיהרט דורך בּעוואוסטע ארטיגע קרעפטען.

די פּערוואלטונג.

## WEZWANIE.

Niniejszym wzywam **Zarząd Żydowskiego Klubu Sportowego „HASZACHAR“ w Radomiu** do uregulowania rachunku za pobrane u mnie dla Klubu artykuły sportowe, w przeciągu 8 dni. W przeciwnym razie będę zmuszony jedynie z jego winy, skierować sprawę za pośrednictwem Podokręgu Radomskiego na drogę sądową.

**Z poważaniem**

**FELIKS BUGAJER**

**Kielce 27 listopada 1925 r.**

## Teatr POLSKI w Kielcach

**W Sobotę dn. 5 XII r. b. o godz. 8.30 wiecz.**

**Gościnny występ najznakomitszych artystów stolicy**

Udział biorą: światowej sławy artystka, primadonna „Teatru Nowości“

**ELNA GISTEDT**

Znakomita Prima—Balerina **Anna Zabojkina**, Pierwszy komik polski artysta Teatru Rozmaitości **Julian Krzewiński**, Słynny wodewilista autor kompozytorów **T. Wołowski**, Popularny artysta **Henryk Szadkowski**, Kierownik muzyczny Bronisław Narkiewicz i ulubieniec kieleckiej publiczności **Marek Windhajm**

Wielka rewja **Tylko dla dorosłych**

w 2-ch częściach 18 obrazach z prologiem i epilogiem (całość) Kompozytorów: G. DOMAŃSKIEGO i T. WOŁOWSKIEGO

**Pod dyrekcją p. SIEKIERZYŃSKIEGO**

W niedzielę dn. 6/XII o godz. 4-ej po poł. **KOPCIUSZEK** ze śpiewami i tańcami

Wieczorem o godz. 8 $^1/_2$

**KRÓL DZIADÓW** Melodramat ludowy z tańcami

---

KINO „PANI“ Kielce

*Dziś i dni następnych*

**Pułapka Śmierci**

Dramat awanturyczny w 6-ciu wielkich aktach

**z ulubieńcem publiczności**

EDDIE POLO

---

**Kino „Phenomen“ Kielce**

**Dziś i dni następnych**

**DEMON MORZA**

monumentalny dramat orjentalny w 12 aktach

**2 serje w jednym programie!**

W rolach głównych: *Milton Sills*

**Nad Program**

Pogrzeb Stefana ŻEROMSKIEGO

*Wielkiego pisarza i patrjoty*

---

*Kino „CORSO“ w Radomiu*

פון דאנערשטאג דעם 3-טען ביז זונטאג דעם 6-טען ה. י.

דאָס פּרעכטיגע קינאָ—בּילד

**Niebezpieczna Blondynka**

סאלאנאווע דראמאט אין 7 אקטען. אין די הויפּט—ראָלען

**Pina Memccheli i Liuro Poranelli**

Nad program: **Fridolini za kulisami**

VARIETE אַ הערליכע אַמעריקאַנער קאָמעדיע

**Anons: CÓRKA DWÓCH ŚWIATÓW** פון מאָנטאג

---

## זאלען אלע וויסען

דער ראַדאָמער „פּרנס העיר” ה׳ שלמה ציטרין האָט פּערדינגען ר״ח ניסן 2 שטובּען אויף אַ בּית התפלה, נעמענדיג דערפאַר 7,00 זלאָטעס, וועלכע זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען מיט מיה און מאָטער.

די גאנצע שטאָדט האָט דאַן געקלינגען מיט זיין מדה טובה. היינטיגע וואָך האָט ה׳ ציטרין אַראָבּגענומען דאָס שלאָס פון דאָזיגען לאָקאַל און בּיינאַכט ארויסגענומען דאָס ארון קודש מיט דער ספר תורה און מאָמענטאַל אריינגעזעצט אַ לאָקאַטאָר. מיר זענען דעריבּער מתרה, דאָס אויב בּיז זונטאָג בּיינאַכט וועלען מיר נישט האָבּען צוריק דעם לאָקאַל כּמקדם, וועלען מיר עס איבּערגעבּען דער פּראָקוראַטור און די פּעראַנטוואָרטליכקייט וועט פאַלען אויף איהם.

בּשם מתפּללים

דוד לעהרער, וועלוויל איידעלשטיין, חיים פּנחס זאַלצמאַן.

---

KINO ODEON od 3 do 6 grudnia b. r.

Pierwej jak w Warszawie będziemy demonstrować obraz p. t.

**Nick... Król Szoferów**

Akcja nadzwyczaj żywa. — W roli głównej ten, którego już wszyscy bez wyjątku lubią **Carlo Aldini** człowiek o żelaznych muskułach.

Od poniedziałku CLOU SEZONU Warszawy

**NINICHE...**

z przemiłą szampańską ulubienicą

**OSSI OSWALDA**

Redaktor i Wydawca CH. M. Herc. — Druk „Radomer-Kielcer Leben“ Radom Szwarlikowska № 20